סז. און רש"י דארף דאס ניט מפרש זיין - ווארום דער בן חמש למקרא האט שוין פריער געלערנט פונקט די זעלבע זאך:

אין סוף פ' ויצא האט ער געלערנט אז ווען יעקב איז אוועק פון לבן שטייט אין פסוק[246] "וילך וישב לבן למקומו. ויעקב הלך לדרכו". וואס דאס איז ממש דער זעלבער לשון ווי עס שטייט דא - "ויקם בלעם וילך וישב למקומו וגם בלק הלך לדרכו".

און אזוי ווי דארטן פארשטייט דער בן חמש למקרא בפשטות פארוואס בא לבן שטייט "וילך וישב לבן למקומו" און בא יעקב שטייט "ויעקב הלך לדרכו" - ווארום לבן איז פון דארטן צוריקגעגאנגען למקומו וואו ער האט געוואוינט, פדן ארם, דערפאר שטייט "למקומו"; משא"כ יעקב איז ניט געגאנגען פון דארטן צו א מקום מיוחד ("למקומו"), נאר ער איז געגאנגען "לדרכו", פריער איז געווען "ויפגעו בו מלאכי אלקים" - "מלאכים של ארץ ישראל באו לקראותו ללותו לארץ"[247], און דערנאך איז ער אריין אין ארץ ישראל, און דערנאך האט ער דארטן געקויפט א שטיקל ערד פאר "מאה קשיטא"[248],

און דער פסוק קען ניט זאגן אז ער איז געגאנגען אין שכם, ווארום ער האט פריער ניט געוואוסט אז ער וועט דארטן קומען -

עד"ז פארשטייט דער בן חמש למקרא אויך אין דעם פסוק בפרשתנו - אז בא בלעם שטייט "ויקם בלעם וילך וישב למקומו", וויבאלד אז ער האט זיך אומגעקערט צום ארט וואו ער האט געוואוינט, ע"ד ווי "וילך וישב לבן למקומו", און בא בלק שטייט "וגם בלק הלך לדרכו", דערפאר וואס ער איז ניט געגאנגען למקומו, נאר ער האט ממשיך געווען גיין בדרכו, ע"ד (להבדיל) ווי "ויעקב הלך לדרכו".

סח. דער ביאור אין מעלת הינוקא וועגן וואס עס רעדט זיך אין זהר (און אין דער הערה אויפן זהר) - וועט מען פארשטיין ע"פ המבואר אין דעם מאמר ד"ה כי נער ישראל ואוהבהו[249] וועלכע איז שוין געדרוקט (א הנחה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר)[250]. וואס דארטן רעדן זיך כמה ענינים, אבער דא וועט מען רעדן בעיקר איין נקודה:

אין דעם מאמר ברענגט ער פירוש המפרשים[251] אין דעם פסוק "כי נער ישראל ואוהבהו", אז דער "כי" מיינט "כאשר", אדער "אף", אז אע"פ וואס דאס רעדט זיך וועגן א "נער", איז דעמולט אויך "ואוהבהו" - אבער אין דעם מאמר איז ער מבאר, אז אע"פ וואס מפרשים טייטשן אזוי, איז דער פנימיות'דיקער

- פירוש -

246) ויצא לא, א-ב. 247) פרש"י עה"פ שם. 248) וישלח לג, יט. 249) הושע יא, א. 250) הוספות להמשך תרס"ו - ע' תקנ ואילך. 251) תיב"ע. רש"י. מצו"ד.

פירוש אין דעם "כי" - א נתינת טעם, אז ווייבאלד "ישראל" זיינען "נער", דערפאר "ואוהבהו".

וכמבואר אויך אין תחילת פוןביידע ספרי המגיד[252] (ווי תלמידיו האבן דאס מסדר געווען) דעם משל על אהבת הקב"ה לישראל פון אהבת האב לבנו הקטן דוקא.

וואס בשעת מ'גיט א דוגמא אויף אהבת הקב"ה לישראל פון אהבת האב לבנו הקטן - איז לא כטעות העולם, אז דאס איז הסברה פארוואס אהבת הקב"ה איז לישראל דוקא, און מ'דארף שוין מער קיין הסברה ניט האבן אויף דעם, דאס איז מערניט ווי איבערגעשטעלט די קשיא אויף דער דוגמא, פארוואס איז אהבת האב צו בנו הקטן דוקא (און ניט צו בנו הגדול),

ובפרט אז אלץ וואס איז דא למטה נעמט זיך פון ווי דאס איז למעלה, כמבואר אין חסידות[253], און ווי ער איז מבאר אין די הנחה גופא[254] - איז בשעת מ'זאגט אז אהבת הקב"ה לישראל איז כמשל אהבת האב לבנו הקטן, איז ניט דער פשט אז דאס איז אזוי למעלה דערפאר וואס אזוי איז דאס למטה, נאר פארקערט, אהבת האב דוקא לבנו הקטן איז ווייל אהבת הקב"ה איז לישראל דוקא[255].

נאר דער פירוש אין דעם וואס מ'גיט א משל ודוגמא אויף למעלה פון אן ענין דלמטה, איז - דערפאר וואס הכמת הקב"ה למעלה קען א נברא ניט משיג זיין, במילא גיט מען א משל ודוגמא לזה פון אן ענין למטה וואס א נברא קען משיג זיין, און דורך דעם וואס ער האט די דוגמא דלמטה, קען ער זיך משתדל זיין פארשטיין פארוואס דאס איז טאקע אזוי למטה, און דורך דעם פארשטייט ער אויך די הסברה פארוואס דאס איז אזוי למעלה.

ועד"ז בנדו"ד: בכדי צו פארשטיין פארוואס אהבת הקב"ה איז דוקא לישראל, גיט מען א משל ודוגמא לזה פון אהבת האב לבנו הקטן, און ס'איז ניט דער פשט אז נאך דעם וואס מ'האט דעם משל ודוגמא פון למטה - איז דאס אליין שוין א הסברה, נאר מ'דארף זיך משתדל זיין פארשטיין פארוואס איז אהבת האב צו בנו הקטן דוקא, און דערפון וועט מען אויך פארשטיין ווי דאס איז למעלה.

סט. איז דער ביאור בזה (כמבואר בנקודה אין דעם מאמר):

א בן גדול האט שכל און מדות און רגש וכו' - איז בשעת אן אב האט אהבה צו בנו הגדול, קען דאס זיין דערפאר וואס ער זעט אז דער בן האט שכל און פירט זיך ע"פ שכל, און איז מקיים הומ"צ, און האט כבוד אב ואם, וואס אויך דער עצם ענין וואס

- ער -

---

252) או"ת (ב, ג). לקו"א בתחלתו. 253) ראה תניא רפ"ג. וראה לקו"ש ח"ב ע' 363 ואילך. 254) שם. 255) וראה שיחת יום ב' דר"ה ש.ז. ס"ס-י.

ער איז מכבד אב ואם איז מצד א טעם, ווי עס שטייט אין חובת הלבבות[256], אז וויבאלד אביו ואמו זיינען אים מפרנס, מאכילו וכו׳, דערפאר האט ער זיי ליב און איז זיי מכבד -

ובמילא איז די אהבה וואס דער אב האט צו דעם בן הגדול איז אויך עד"ז, אז דאס איז מצד א טעם, דערפאר וואס דער בן האט שכל און פירט זיך ע"פ התומ"צ און איז אים מכבד וכו׳;

משא"כ די אהבה וואס אן אב האט לבנו הקטן - איז אן אהבה עצמית - ווארום דער בן קטן האט דאך ניט שלימות השכל און שלימות המדות, און דאס וואס דער בן הקטן איז מכבד אביו ואמו איז ניט מצד הטעם, דאס איז אן אהבה עצמית - במילא איז די אהבה וואס דער אב האט אים אויך עד"ז, דאס איז אן קיין טעם, דאס איז נאר וואס ער האט צו אים אן אהבה עצמית.

ע. ועי"ד ווי דאס איז למטה ביי אן אב לבנו הקטן - איז אויך פארשטאנדיק ווי דאס איז למעלה ביי אהבת הקב"ה לישראל:

די אהבה וואס דער אויבערשטער האט צו איינעם וואס עבודתו איז פארבונדן (נאר) מיט שכל און מדות ורגש וכו׳ - איז אן אהבה במדוה"ג - ווארום די אהבה איז מעין די אהבה פון דעם מענטשן צו דעם אויבערשטן בעבודתו [וואס "לית פולחנא כפולחנא דרחימותא"[257]]:

בשעת א מענטש האט אהבה צו דעם אויבערשטן דערפאר וואס ער איז זיך מתבונן בשכלו אז "מה רבו מעשיך"[258] און "מה גדלו מעשיך"[259], און דאס נעמט דורך אויך זיין רגש וכו׳, און ער איז זיך מתבונן אז דער אויבערשטער גיט אים בני חיי ומזוני רויחי ובכולם רויחי - איז דאס אן אהבה שבמדוה"ג, ווארום דאס איז פארבונדן מיט א טעם (שכל, רגש וכו׳);

דאס איז אן עבודה על מנת לקבל פרס, די בחי׳ פון "עבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס"[260]: ער איז טאקע אן עבד, און דער אויבערשטער איז ביי אים אזוי ווי א רב - אבער זיין אהבה צו אים איז על מנת לקבל פרס - ער ווייסט אז דער אויבערשטער גיט אים בני חיי ומזוני רויחי כו׳ - דערפאר האט ער אים ליב,

במילא איז זיין אהבה צו דעם אויבערשטן פארדעקט מיט לבושים וואס זיי זיינען מלביש און מעלים אויף דעם עצם ביז אז פון זיי ווערט גאר דער עיקר,

ובמילא איז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו א מענטש וואס עבודתו איז בבחי׳ זו אויך עד"ז, דאס איז ניט קיין אהבה עצמית;

משא"כ די אהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן דערפאר וואס - זיי -

---

256) "פתח השער" ל"שער עבודת האלקים". 257) ראה זח"ב נה, ב. זח"ג רסז, א. לקו"ת שלח מב, ג. ובכ"מ. 258) תהלים קד, כד. 259) שם צב, ו. 260) אבות פ"א מ"ג.

זיי זיינען ווי א בן קטן ("נער ישראל") - איז אן אהבה עצמית - ווארום דאס איז מעין די אהבה פון דעם בן קטן צו אים: די אהבה פון אידן צו דעם אויבערשטן אזוי ווי א בן קטן האט אהבה צו זיין אב - איז אן אהבה וואס איז ניט פארבונדן מיט שכל און מיט רגש און מיט איזה טעם, דאס איז אהבה עצמית - איז עד"ז אויך די אהבה פון דעם אויבערשטן צו אידן ווי זיי זיינען בבחי' זו - אן אהבה עצמית, אן אהבה פון עצם בעצם.

וואס דאס איז דער ביאור אין דעם וואס מ'זאגט "כי נער ישראל ואוהבהו":

וויבאלד אז "ישראל" זיינען אזוי ווי א "נער", ווי א בן קטן, וזאס דערפאר איז זייער אהבה צו דעם אב, צו דעם אויבערשטן, אן אהבה עצמית - דערפאר ("כי" מלשון נתינת טעם) איז אויך למעלה - "ואוהבהו", אז די אהבה פון דעם אויבערשטן צו זיי איז אן אהבה עצמית.

און דאס איז אויך דער ביאור אין תורת המגיד (וואס ברענגט זיך בתחילת פון יעדע זיינע ספרים), אז ער גיט א משל אויף הקב"ה מיט ישראל פון אן אב מיט בנו הקטן דוקא.

עא. וואס עפ"ז איז אויך פארשטאנדיק די מעלה פון דעם "ינוקא" אין דעם זהר פון פרשתנו, ביז - מעלתו לגבי ר' יצחק און ר' יהודה - אז דוקא דער ינוקא נעמט דעם עצם, ביי אים איז אן אהבה עצמית צו דעם אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט אן אהבה עצמית צו אים - "כי נער ישראל ואוהבהו",

וואס דאס איז העכער ווי די מעלה פון דעם "ינוקא" ווי עס דריקט זיך אוים אין זיין גימטריא כו', ווי ער איז מבאר אין דער הערה.

ומזה מובן די מעלה פון קטנים בכלל - אז דוקא בא זיי שטייט דער עצם בגלוי, און זיי נעמען דעם עצם פון דעם אויבערשטן און צו זיי ווערט נמשך דער עצם פון דעם אויבערשטן.

עב. מהמדובר לעיל קען מען מיינען אז דער ענין פון אהבה עצמית צו דעם אויבערשטן און אהבה עצמית פון דעם אויבערשטן - איז שייך נאר בא קטנים, און ניט בא גדולים -

איז אבער דער אמת ניט אזוי: דאס איז אויך שייך בא גדולים, נאר א גדול דארף האבן אן עבודה כדי דערצו דערגרייכן, אבער אין הדבר תלוי אלא ברצונו; אע"פ וואס ביי א גדול איז דער עיקר העבודה ע"פ טעם ודעת - אעפ"כ האט ער די בחירה אז זיין עבודה זאל זיין אויך מצד זיין עצם.

וע"ד ווי דער ענין פון "אני מתפלל לדעת זה התינוק, ווי דער צ"צ ברענגט דאס אראפ אין שרש מצות התפלה[261] פון

- פוסקים -

---

261) פ"ח - דרך מצותיך קיז, ב ואילך.

פוסקים[262], און איז דאס מבאר - אז אפילו א גדול, וואס ער איז שייך צו כוונות הכי נעלות וכו׳ אין תפלה, קען ביי אים אויך זיין דער ענין פון "אני מתפלל לדעת זה התינוק", די עבודה פארבונדן מיט א תינוק, וואס נעמט דעם עצם - אהבה עצמית.

וואס לכאורה - דער צ"צ קומט דאך דארטן מבאר זיין **שרש** מצות התפלה, מיט די אלע הפלאות און השפעות וואס ווערן אויפגעטאן ע"י התפלה - איז וואס ברענגט ער דעם ענין פון "אני מתפלל לדעת זה התינוק"?! - נאר אין דעם איז דא נאך א טיפערער ענין אין תפלה - די עבודה פון אהבה עצמית וואס נעמט דעם עצם, וואס דאס איז דוקא ביי א תינוק.

וכידוע דאס וואס דער אלטער רבי האט געזאגט בדביקותו (ווי ער ברענגט עס דראטן אראפ אין שרש מצות התפלה[263]): "איך וויל זע גאר ניסט איך וויל ניט דאיין ג"ע איך וויל ניט דאיין עוה"ב כו׳ איך וויל מער ניט אז דיך אליין".

וואס וועלכער חלק פון דעם אלטן רבי׳ן איז דער וואס וויל "מער ניט אז דיך אליין" - איז דאס דער חלק שבו וואס איז פארבונדן מיט "דיך אליין":

שכל - וויל שכל, מדות - ווילן מדות, אדער א כלי אויף אויסדריקן מדות, ווער וויל "דיך אליין" - איז דאס דער "דיך אליין" וואס איז דא בא דעם מענטשן - דער עצם זיינער, ווארום דער עצם איז למעלה משכל, למעלה ממדות ורגש וכו׳, במילא וויל דער עצם ניט קיינע גילויים און השפעות און המשכות, "איך וויל ניט דאיין ג"ע איך וויל ניט דאיין עוה"ב כו׳", וויבאלד אז דא רעדט זיך ניט וועגן ג"ע און עוה"ב שבנפש, נאר וועגן דעם עצם הנפש - וואס וויל דער עצם הנפש - דוקא דעם עצם שלמעלה - "דיך אליין"!

וואס אויב דא וואלט זיך גערעדט וועגן סתם איינעם וואס ווייסט ניט וואס ג"ע און עוה"ב זיינען, און ווייסט ניט וואס גילויים זיינען, אדער וועגן איינעם וואס ווייסט וועגן דעם ווי אן אינגל ווייסט וועגן דעם - איז קיין פלא ניט פארוואס ער וויל ניט "דאיין ג"ע" און ער וויל ניט "דאיין עוה"ב";

דא רעדט זיך וועגן דעם אלטן רבי׳ן, וואס ער האט געוואוסט אלע ענינים אין אלע עולמות, ער האט געוואוסט און פארשטאנען בהבנה והשגה באופן הכי נעלה וואס ג"ע איז, וואס עוה"ב איז, און וואס אלע גילויים המשכות והשפעות זיינען, ביז אז די הבנה והשגה בזה איז געווען ביי אים אין אן אופן פון "יחוד נפלא שאין יחוד כמוהו ולא כערכו נמצא כלל בגשמיות כו׳"[264],

און דערצו רעדט זיך דאס וועגן דעם אלטן רבי׳ן בשעת

- עד -

---

262) תשובות הריב"ש סי׳ קנז. 263) פ"מ - קלח, סע"א.
264) תניא פ"ה (ח, ב).

ער איז געשטאנען בדביקותו, בשעת התפלה, וואס דער אלטער רבי בכלל, אפילו ניט בעת התפלה, איז געווען א מרכבה לאלקות, ע"ד ווי "האבות הן הן המרכבה"[264], יעדער רגע און יעדער ענין ביי אים איז געווען א מרכבה לאלקות, ובפרט נאך אז ער איז געווען א נשמה חדשה[265], איז דאך פארשטאנדיק במכ"ש ווי ער איז געשטאנען בעת דביקותו, בשעת התפלה,

וואס דאס איז בדוגמא ווי תפלה ביום השבת, וואס שבת אליין איז ענינה תפלה[266], וואס דאס אליין איז אן ענין נעלה ביותר, ועאכו"כ בשעת ס'איז דא דער ענין פון תפלת שבת, תפלה שבתפלה, ובפרט תפלת מוסף בשבת ובפרט תפלת מוסף בשבת לאחרי חצות, בזמן פון רעוא דרעוין[267] -

און דאס איז דער גודל החידוש, אז לאחרי כל זה - האט דער אלטער רבי געזאגט "איך וויל זע גאר ניסט איך וויל ניט דאיין ג"ע איך וויל ניט דאיין עוה"ב איך וויל מער ניט אז דיך אליין"!

עג. ועד"ז איז שייך בא כאו"א די עבודה פון עצם וואס נעמט עצם, ע"ד ווי דאס איז ביי א תינוק, כאמור לעיל - דער "אני מתפלל לדעת זה התינוק". וואס אזוי ווי דאס איז בא תפלה, עד"ז איז דאס איך אלע ענינים עבודה.

ס'איז נאר וואס ביי א קטן איז די עבודה ניט קיין שווערע עבודה, וזארום בטבע האט ער ניט קיין שכל ומדות וכו' (בשלימותם) מיט אלע גילויים, במילא איז בטבע זיין עבודה מצד זיין עצם און דאס נעמט דעם עצם;

א גדול אבער, וואס ער האט שוין שכל און מדות וכו' - דארף האבן אן עבודה גדולה דערצו דערגרייכן, אבער כאמור - אין הדבר תלוי אלא ברצוננו.

עד. בהמשך לזה - איז כאן המקום להזכיר וועגן די מעלה פון קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, וואס די גמרא[268] זאגט אז אויף זיי שטייט[269] "אל תגעו במשיחי", דער אויבערשטער זאגט אויף יעדערן פון זיי אז דאס איז זיין "משיח"!

וואס משיח איז שלימות אין מין האדם, ווי עס שטייט אויף משיח'ן[270] "ירום ונשא וגבה מאד", כמבואר אין ביאורי הזהר עה"פ[271].

זאגט מען אן יעדער איש ואשה וואס האבן קינדער - אז אין זייער אייגענער שטוב האבן זיי א "משיח", אדער כמה - "משיח'ס" -

------------

265) ספר השיחות ה'ש"ת ע' 88. תש"ה ע' 127 ואילך. ספר התולדות - אדה"ז בתחלתו. 266) ראה תו"א (הוספות) קיג, א-ב. סידור רצז, ד. ובכ"מ. 267) זח"ב קנו, א (עיי"ש במקדש מלך). זח"ג קכט, א. המשך תרס"ו ע' תקמה. 268) שבת קיט, ב. 269) דה"א טז, כב. 270) ישעי' נב, יג. 271) כב, ג ואילך. וראה ביאוה"ז להצ"צ ע' קיח ואילך.

"משיח׳ס"!

זיי דארפן נאר מקיים זיין די מצוה פון "פרו ורבו גו׳"[272], אן קיינע חשבונות של שטות – און דורך דעריויף האבן זיי קינדער וואס יעדער קינד איז א "משיח"!

ונוסף לזה האט יעדער אידיש קינד א "הבל שאין בו חטא"[273], און מהטעם מובן אז אזוי איז אויך בא מיידעלעך,

און דער "הבל שאין בו חטא" איז מקיים את העולם!

עה. כאן המקום לבקש עוה"פ בכל לשון של בקשה וזירוז וחיזוק ואימוץ כו׳ מיט די אלע עשר לשונות של תפלה[274], פארבונדן מיט עשר לשונות של נבואה[275], פארבונדן מיט עשר לשונות של גאולה – וועגן דער ספר תורה וואס מ׳שרייבט במיוחד פאר אידישע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, אין ירושלים עיר הקודש בין החומות,

און מ׳זאל זיך משתדל זיין אז אלע אידישע קינדער זאלן פארשריבן ווערן אין דער ס"ת, ביז צו י"ב תמוז זאלן אלע ש"ד אותיות ופרוטות וואס זיינען דא אין דער ס"ת[276] פארקויפט ווערן צו אידישע קינדער,

און דערנאך – זאל מען קריגן נאך קינדער און נאך קינדער, ביז אז "יכלו נשמות שב(אוצר ששמו) גוף"[277], און מ׳וועט שרייבן נאך א צווייטע ס"ת פאר קינדער און נאך א דריטע ס"ת.

און טאן דאס בזריזות, אין אן אופן פון "אחישנה"[278].

און דאס וועט זיין א הכנה צו ביאת משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש,

און דאס ווערט אויפגעטאן ע"י מעשינו ועבודתינו איצטער,

וואס דאס טוט אויף אז נאך בזמן הגלות זאל זיין דער "ולכל בני ישראל הי׳ אור במושבותם", און מ׳גייט "ביד רמה" און מ׳טוט די עבודה בשלימות,

ביז אז מ׳קומט צו די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, וואס דעמולט וועט זיין "ונגלה כבוד ה׳ וראו כל בשר יחדיו"[279], גאנץ וועלט, יעדער דבר גשמי וועט זען אלקות בגלוי, און אלע אברים פון גוף ביז דער "בשר" אליין וועט זען אלקות בגלוי, מ׳וועט ניט דארפן אנקומען צו "עיני בשר",

- נאר -

---

272) בראשית א, כח. 273) שבת שם. 274) ספרי (הובא בפרש"י) עה"פ ואתחנן ג, כג. דב"ר פ"ב, א. 275) ב"ר פמ"ד, ו. 276) ראה קונטרס "סיום והכנסת ס"ת" שוה"ג להערה 12. וש"נ. 277) יבמות סב, סע"א. וברש"י ד"ה משום. 278) ישעי׳ ס, כב. סנהדרין צח, א. שערי אורה ד"ה יביאו לבוש מלכות פ פצ"ד. 279) ישעי׳ מ, ה.

ידוע המשל המבואר בהתחלת ספרי המגיד (לקו״א ואו״ת) שאהבת הקב״ה לבנ״י היא בדוגמת אהבת האב לבנו הקטן, כפי שרואים במוחש שאהבת האב לבנו הקטן היא גדולה ביותר.

וזהו הקשר דכתיבת הס״ת לזכותם של ילדי ישראל הקטנים, עם החודש הנקרא בשם „אב״ — כי אהבת האב לבנו הקטן היא גדולה ביותר.

ויתירה מזו: כללות מציאות האב נעשית דוקא ע״י בנו, כי קודם שיש לו בנים, אינו נקרא בשם „אב״.

ומזה מובן שכאשר הקב״ה נקרא בשם „אב״ (שזהו השם דחודש זה) — הרי זה מדגיש את מציאותם של בנ״י, כי מה שהקב״ה נקרא „אב״, הרי זה מצד בנ״י, „בני בכורי ישראל״, „בנים אתם לה׳ אלקיכם״.

דהנה, השם „יחיד״ או „אחד״, אינו מדגיש את מציאותם של בנ״י; ואילו השם „אב״ מכריח שישנה המציאות של בנ״י, כי לולי מציאות בנ״י, אין הקב״ה נקרא בשם „אב״.

זאת אומרת: מציאותם של בנ״י פועלת חידוש כביכול אצל הקב״ה, כי לולי מציאותם לא שייך שהקב״ה יהי׳ „אב״ בפועל (אלא רק בכח), וע״י מציאותם של בנ״י, הרי הם פועלים שהקב״ה יהי׳ „אב״.

וענין זה קשור עם כללות הבריאה כולה — שכל עניני הבריאה מתהווים בכל רגע ורגע מאין ואפס ממש, כתורת הבעש״ט הידועה — כמרז״ל שכל מציאות הבריאה (באופן ד„מה רבו מעשיך ה׳״ וכו׳) היא בשביל ישראל שנקראו ראשית, ובשביל התורה שנקראת ראשית.

ח. ע״פ האמור לעיל מובן שסיום כתיבת הס״ת לזכותם של ילדי ישראל פועל את ענין האחדות בנוגע לב׳ הענינים ד„ראשית״, תורה וישראל — שהרי ע״י סיום כתיבת הס״ת נעשית הס״ת מציאות אחת, והיא מאחדת את כל ילדי ישראל שבכל העולם כולו, ועל ידם — את כללות עם ישראל.

ובפרט שסיום כתיבת הס״ת מתקיים ב„שנת הקהל״, ובירושלים עיר הקודש, „עיר שחוברה לה יחדיו״, כמדובר לעיל בארוכה.

וככל עניני התורה — צריך להיות גם ענין זה באופן נצחי, ובלשון ההלכה — „פעולה נמשכת״, היינו, שענין זה נמשך באופן נצחי, ללא שינויים וירידות ח״ו, ואדרבה: השינויים הם באופן ד„מעלין בקודש״.

ובנקודה הפנימית — הפצת התורה ומצוותי׳ אצל כאו״א מבנ״י, בכל מקום שידו מגעת, ומתוך שמחה וטוב לבב.

ט. וע״י הפעולה דב׳ ענינים הנ״ל — אחדות התורה ואחדות בנ״י, מבטלים את סיבת כללות ענין החורבן והגלות, הן הגלות דחורבן בית ראשון, והן הגלות דחורבן בית שני:

סיבת חורבן בית ראשון היא — ביטול תורה, וענין זה מתבטל ע״י כללות הענין דכתיבת הס״ת, שתכליתה — „ולמדה את בני ישראל גו״, לימוד התורה.

וסיבת חורבן בית שני היא — שנאת חינם, וענין זה מתבטל ע״י אחדותם של בנ״י באופן דאחדות אמיתית, אחדות הקשורה עם „תורת אמת״.